## װען מְ'בֶּענְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ **אֱלוּל** זָאגְט מֶען דִי תְּחִנָּה.

אַרְיֵה שָׁאַג מִי לֹא יִירָא? װען אַ לֵייבּ שְׁרַייט װער זָאל זִיךְ נִיט פָארְכְטֶען? דָאס װָארְט אַרְיֵ"ה בַּאטַייט (די אל"ף טאכט) "אֱלוּל" (די רי"ש מאכט) "רֹאשׁ הַשָּׁנָה" (די יו"ד מאכט) "יוֹם כִּפּוּר" (די ה"א מאכט) "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה", דָאס הֵייסְט װען עֶס קוּמֶען דִי דָאזִיגֶע הֵיילִיגֶע אוּנ פָארְכְטִיגֶע טֶעג װער זָאל זִיךְ נִיט פָארְכְטִין? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יֶעצְט קוּמֶען מִיר בֶּענְטְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט גְרוֹיס פָארְכְט אוּנ צִיטֶערְנִישׁ, דֶען עֶס קוּמְט אָן דִי צַייט װָאס דוּ װֶעסְט זִיךְ זֶעצִין אוֹיף דַיין שְׁטוּל צוּ מִשְׁפָּטִין דִי װֶעלְט, דְרוּם טוּט אוּנְז יֶעצְט אַ צִיטֶערְנִישׁ אָן תַּאפִּין, אוּנ

אונזער הארץ צו גיט אין אונז אזוי ווי וואסער, אונ איך פעדער מיך
דיין דינערין (פלונית בת פלונית) דאס איך בין ערד אונ אש אונ בין געקומען
צו דער וועקין גרוים דער בארימהקייט, דאס דו זאלסט מיך אונ אלע יודין
געדינגען אין דעם חודש אלול וואס איך טו פאר דיר יעצט בענטשין,
דאס דו זאלסט מיר עפענען די טויערין פון תשובה, טויערין פון
תפלה, דאס עס זאל פאר געבין ווערין גאר מיינע זינד, אונ זאלסט מיך
שרייבין אין דעם בוך פון לעבין דעם ראש השנה וואס וועט זיין.
בענשין אונ באגליקען אלע מיינע וועגין אונ גאר די ווערק פון מיינע
הענד, אונ גיב מיר אגוטע אריינע הארץ איך זאל פארשטיין, ווי ווייט
נאריש איך בין געוועזן, מיט דעם וואס איך האב אב געטראטין פון דיין
תורה, וואס זי פירט צו די וועג פון לעבין, אז איך זאל איין אמת'ה
חרטה האבין אויף מיינע בייזע מעשים, אונ זאל ביי זיך מאכין אפעסטין
בעשלוס אז איך זאל שוין מער ניט זינדיגען, אונ זאל דיך ניט דער
צערענען, אונ עפין מיר די טויערין פון פרנסה אונ זאלסט מיר
געבין חן אונ חסד אין דיינע אויגען אונ אין די אויגען פון אלע וואס
זעהן מיך, דען דו ביסט נאהענט צו די אלע וואס רופען דיך. אונ ווערסט
גיפונען צו די וואס פארשטין דיך, אונ ענטפער מיר אז דער חודש אלול
וואס איך טו יעצט בענטשען, זאל געבענטשט ווערען פון דיין
פולער ברכה, אמן:

על רחמיך הרבים אבטח, אויף דיין פיל דער בארימהקייט טו איך מיך
פאר זיכערין, (ועל חסדיך אשען) אונ אויף דיין גענאדע ליבר גאט
טו איך מיך אן לעהנען, אונ איך קום צו בענטשין דעם חודש אלול,
דען איך ווייס ווען דו וועסט חלילה אויף מיינע בייזע מעשים קוקין (אזו
באטייט דער ווארט אלול „אוי לי ואוי לנפשי") ווי איז צו מיר אונ ווי
איז צו מיין לייב. אבער ווען איך וועל מיר צום הארצען נעמען אונ
וועל חרטה האבין באמת אויף מיינע זינד, אזוי וועסטו ליבער גאט זיך
קערין צו דער בארעמען זיך אויף מיר, אונ דער נאמען פון דעם חודש
אלול וועט ווייזען „אני לדודי ודודי לי" איך קער מיך צו מיין פריינד
(דאס איז השי"ת) אונ מיין פריינד וועט זיך קערין צו מיר צו פאר נעמען מיין
גיבעט אונ מוחל זיין מיינע עבירות. דרום ליבער גאט (השקיפה ממעון
קדשך מן השמים) קוק פון דיין היליגן וואהנונג פון דעם הימעל אראפ

און וועה מיין ביטער הארץ דאס איך בין גקומן יעצט פר דיר בעטען, ביינינג מיך מיינע זינד, ארין הארץ באשאפ מיר גאט און איין רעכט מוטה באניי אין מיר, דאס איך זאל אב קערין פון דעם ביזין וועג, און זאל שוין מער קיין עבירות ניט טאן, און זאל האלטין טייער דיין היילינע תורה און מצות כל ימי חיי, אמן ואמן:

ממשפטיך יראתי על כן אקדמך בתחנונים, רבונו של עולם איך טו מיך זייער פארכטין פון דיין משפט אין דעם יום הדין וואס עס קומט אן, דרום טו איך מיך פעדערין מיט מיין גיבעט, אלמעכטיגער גאט דער בארעם דיך אויף מיר, גיס ניט אויס דיין צארין אויף מיר, און קער דיין הארץ און דיינע אויערין צו פאר נעמען מיין תשובה ותפלה, און בענטש דעם חודש אלול דאס עס זאל דער וועקט ווערין אונזער הארץ צו גוטעס טאן, עס זאל ווייזען דער נאמען אלול „אשרי לך ואשרי לנשמתך" וואל איז צו דיר און וואל איז צו דיין נשמה, און מיר זאלין זוכה זיין געשריבען און גחתמת ווערין צו איין ניי גיבענשט יאהר צום לעבען און געזונד און פרנסה בכבוד. ברוך שומע עמו תפלת עמו ישראל ברחמים, געלויבט ביסטו גאט דאס דו הערסט די גיבעט פון דיין פאלק ישראל מיט דער בארימהערציקייט, הער צו אויך די גיבעט פון (פלונית בת פלונית) און די גיבעט פון מיין מאן און מיינע קינדער צו דער בארעמען זיך אויף אונז און אויף כל ישראל, אמן ואמן, כן יהי רצון: